# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## לחם משנה

### אויב עטליכע מענטשן קענען יוצא זיין מיט איין לחם משנה

**דער** שואל ומשיב ברענגט אז הרב מוה' יחיאל מיכל נ"י הובניר מק' ניזניב [אין יאר תרי"ד כ"ח שבט] האט אים געפרעגט אויף די מנהג וואס דער וועלט פירט זיך [בשעת שלש סעודות] אז ווען עטליכע מענטשן האבן נאר איין לחם משנה נעמט איינער קודם די לחם משנה און מאכט א ברכה דערויף, און איידער ער שניידט אויף די לחם משנה נעמט דער צווייטער די זעלבע לחם משנה און מאכט אויך א ברכה דערויף, דערנאך שניידט אויף דער ערשטער די לחם משנה. איז די שאלה צו דער צווייטער קען יוצא זיין דערמיט די מצוה פון לחם משנה, וויבאלד מיר האבן א כלל אז כָּל הָעוֹמֵד לְחִתּוּךְ - כְּחָתוּךְ דָּמֵי - יעדע זאך וואס שטייט צו ווערן אויפגעשניטן ווערט דאס גערעכנט ווי דאס איז שוין אויפגעשניטן געווארן, קומט דאך אויס אז דער צווייטער האט שוין נישט געהאט קיין גאנצע חלות ווען ער האט געמאכט די ברכה.

**דער** שואל ומשיב פירט אויס אז ער איז זיכער אז ביי די מצוה פון לחם משנה, ווען באמת זענען נאך די צוויי חלות גאנץ נאר עס שטייט אז מען זאל זיי צושניידן, הייסן נאך די צוויי חלות גאנצע חלות אז מען זאל קענען מיט זיי יוצא זיין לחם משנה, ווייל בלויז צוליב דעם וואס מען האט שוין געמאכט א ברכה דערויף, ווערט דאס נאכנישט גערעכנט ווי זיי זענען שוין צושניטן, ע"ש.

**שואל ומשיב מהדו"ה סי' פ"ו ד"ה ודרך אגב**

### דריי סארט חלות

**דריי** סארט חלות באקט מען אויף שבת, איינס א גרויסע, איינס א מיטעלע, און איינס א קליינע. די מיטעלע איז אויף פרייטאג צונאכטס, די גרויסע חלה איז אויף די סעודה פון בייטאג (ווייל דאס קומט צו וויזן אז דער כבוד פון די סעודה פון בייטאג איז די חשוב'סטע), און די קליינע חלה איז אויף שלש סעודות. **אליה רבה סי' רמ"ב סק"י**

**טייל** פוסקים קלערן, אז וויבאלד מיר נעמען לחם משנה נאר אלץ זכר צו דעם מן וואס איז געפאלן טאפלט פרייטאג, וואס די מן איז געווען פונקט צוויי עומרים, און די צוויי עומרים זענען געווען אייניג אין זייער אויסזעהן און אין זייער וואג, ווי עס שטייט אין פסוק [שמות ט"ז ל"ו] וְהָעֹמֶר עֲשִׂרִית הָאֵיפָה הוּא, אויב אזוי ווי מעג מען יוצא זיין לחם משנה ווען איין חלה איז א גרויסע חלה און איין חלה איז א קליינע און זיי זענען נישט אויסביידע גלייך.

**פתח הדביר או"ח סי' רע"ד סק"ד בשם חכם אחד**

### אויף די חלות דערקענט זיך אויב די בעקערן איז בשמחה

**הרב** הקדוש רבי פנחס קאריצער זצ"ל האט געזאגט: דאס וואס עס שטייט ביי שרה אמנו אז בְּרָכָה מְצוּיָה בָּעִסָּה - ס'איז אריין א ברכה אין די טייג, מיינט נישט צו זאגן אז זי האט געהאט נאר א קליין שטיקל טייג, און ס'איז אין דעם אריינגעקומען די ברכה און עס איז געווארן א סאך, אברהם אבינו איז דאך געווען א גרויסער עושר און האט געהאט געגוג מעהל. נאר די ברכה איז געווען אז די טייג אין געווארן גוט אויפגעיארן, ס'האט זיך גוט אפגעבאקן, די חלות האהן שיין געגלאנצט, און ס'האט געהאט א גוטן טעם צו עסן.

**און** ער האט מוסיף געווען: די פרוי ווערט אנגערופן לחם, ווי עס שטייט אין פסוק [בראשית ל"ט ו'] כִּי אִם הַלֶּחֶם אֲשֶׁר הוּא אוֹכֵל, זאגט רש"י אז דאס מיינט די פרוי. און דאס אז די חלות זאלן געלונגען, אויסקומען שיין און זאלן ווערן גוט אויסגעבאקן, ווענדט זיך אין די בעל הבית'טע אויב זי איז בשמחה מיט א פרייליך פנים בשעת ווען זי גרייט דאס צו. אויב אבער איז די פרוי בשעת'ן אנגרייטן מיט א זויערן פנים, דעמאלטס האבן די חלות אויך נישט קיין פנים.

**אמרי פנחס שבת, אות ל'**

## ווייסע חלות

**דער** מנהג איז אז לכבוד שבת באקט מען ווייסע חלות. דער טעם איז, ווייל דער מן וואס איז געפאלן לכבוד שבת האט אויסגעזעהן אנדערש ווי דער מן פון א גאנצע וואך. די גאנצע וואך האט דער מן אויסגעזעהן ווי קריסטאל, אבער שבת איז דאס געווען ווייס, א רמז אז שבת שטארקט זיך רחמים און חסדים אויף דער וועלט, און ווייס איז מרמז אויף רחמים.

**ע' מלבי"ם פ' בשלח ד"ה לבן**

**מען** דערציילט אויפ'ן חתם סופר זצ"ל אז איינמאל נאכדעם וואס זיין רעבעצין איז נפטר געווארן איז דער חתם סופר אריינגעגאנגען פרייטאג נאכמיטאג אין קאך און ער האט געזעהן די חלות וואס מען האט פונקט דעמאלטס אפגעבאקן לכבוד שבת, ווי זיי ליגן נאך אין די בעקנס אויף דער ערד אז זיי זאלן זיך אביסל אפקילן, האט דער חתם סופר זצ"ל געפרעגט זיין טאכטער, האסטו דאס זעלבע געזעהן ביי דיין מאמע ע"ה, זי פלעגט שטענדיג לייגן די חלות גלייך נאכ'ן אפבאקן אויפ'ן שבת טיש, ווייל דאס איז דער כבוד פון דעם הייליגן שבת. **זכרון למשה**

**דער** ליקוטי מהרי"ח ברענגט אבער אז ביי אונזערע ערטער האט ער נישט געזעהן ווער עס האט זיך אזוי געפירט.

## געפלאכטענע חלות

**דער** מנהג איז, אז לכבוד שבת בייטאג באקט מען די חלות געפלאכטן, מיט זעקס שטיקער טייג, כדי אז דורך די צוויי חלות פון די לחם משנה, זאלן זיין אינאיינעם צוועלף חלות, [י"ב חלות] אלס זכר צום לחם הפנים וואס מען האט געבאקן אין בית המקדש יעדן ערב שבת. דערפאר אפילו די וואס נעמען נישט קיין י"ב חלות קענען אויך זאגן 'שְׁכִינְתָא תִּתְעַטָּר בְּשִׁית נַהֲמֵי לִסְטָר' - די שכינה זאל ווערן געקרוינט מיט די זעקס ברויטן וואס איז אין יעדע זייט, אין איין זייט זעקס און אין די אנדערע זייט זעקס [זמירות ליל שבת].

**ליקוטי מהרי"ח בשם ספר עיון תפלה**

**א** סאך חסידים פירן זיך, אז ביי די סעודה פון פרייטאג צונאכטס נעמען זיי א גראדע לאנגע חלה וואס זעהט אויס ווי דער אות וא"ו וואס איז נישט געפלאכטן, און אויף די סעודה פון בייטאג נעמען זיי א געפלאכטענע חלה.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל פרייטאג צונאכטס איז אן ענין על פי קבלה אויף צו שניידן די אונטערשטע חלה, דעריבער מאכט מען צוויי מיני חלות. און ווייל יעדע מין חלה האט אן אנדערע כוונה איז נישט שייך דאס ענין פון אֵין מַעֲבִירִין עַל הַמִּצְוֹת, ווייל דאס איז נאר שייך וועןביידע זענען ממש דאס זעלבע גלייך. דעריבער מאכט מען איין גראדע חלה אויף פרייטאג צונאכטס, און די געפלאכטענע חלה וואס איז שענער לאזט מען איבער אויף די סעודה פון שבת בייטאג, ווייל די סעודה פון שבת בייטאג איז דער עיקר.

**שו"ת כפי אהרן**

**נאך** א טעם שטייט, לויט ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אז די דריי סעודות פון שבת זענען מרמז אויף די דריי אבות, אברהם, יצחק, יעקב.

**מיר** טרעפן אז יום טוב סוכות האט יעדן טאג א באזונדערע אושפיזא, פונדעסטוועגן, שטייט אין זוהר הקדוש, אז אברהם אבינו קומט מיט יעדן טאג מיט די אושפיזא. דאס זעלבע קען מען זאגן ביי די דריי סעודות פון שבת, ביי די ערשטע סעודה וואס איז מרמז אויף אברהם אבינו קומט נאר אברהם אבינו אליין דערפאר נעמט מען א גראדע חלה, אבער ביי די אנדערע צוויי סעודות וואס זענען מרמז אויף יצחק און יעקב, דארט קומט אברהם אבינו אויך מיט, דערפאר נעמט מען א געפלאכטענע חלה מרמז צו זיין אז אברהם אבינו קומט מיט. **ולאשר אמר אות י"ט**